**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/30/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט 50 מיליאן דאלאר צו באקומען צו פארמערן צוטריט פון שילער צו גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס**

***10 מיליאן דאלאר וועלן פארטיילט ווערן פאר בארעכטיגטע סקול דיסטריקטס יעדעס יאר***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז ביז 50 מיליאן דאלאר איז דא צו באקומען פאר פינאנצירונג פאר סקול דיסטריקטס צו פארבעסערן צוטריט פון שילער/ינס צו גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס און צו ארויסהעלפן שילער/ינס וועלכע זענען אריבערגעגאנגען טראומאטישע געשעענישן וואס האט געווירקט אויף זייער חינוך. א רוף פאר פארשלאגן (Request for Proposals) איז ארויסגעלייגט געווארן דורך די ניו יארק סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונט ( New York State Office of Mental Health, OMH), וועלכע וועט אנפירן דעם פראגראם.

"יונגע שילער/ינס זענען באזונדערס שווער באטראפן געווארן דורך די קאוויד-19 פאנדעמיע, ליידנדיג פון שטערונגען צו זייער חינוך, געזעלשאפטליכע לעבנס און פארוויילונג אקטיוויטעטן און געלעגנהייטן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך האב געהערט די זארגן פון פילע עלטערן און מחנכים איבער די ווירקונג וואס קאוויד-19 האט געהאט אויף אונזערע קינדער'ס וואוילזיין. די פינאנצירונג וועט העלפן זיכער מאכן אז אלע שילער/ינס וועלכע זענען אריבערגעגאנגען טראומע וואס האט געווירקט אויף זייער חינוך זאלן קענען באקומען די נויטיגע גייסטישע געזונטהייט רעסארסן וואס זיי דארפן און וואס עס קומט זיך זיי."

א סך הכל פון ביז אזויפיל ווי 10 מיליאן דאלאר יעדעס יאר פאר א משך פון 5 יאר וועט זיין צו באקומען און וועט פארטיילט ווערן פאר בארעכטיגטע סקול דיסטריקטס. די סכום וואס איין אפליקאנט באקומט אין איין יאר זאל נישט זיין מער פון $500,000. אנגייענדע פינאנצירונג נאך דעם ערשטן יארר וועט זיין געוואנדן אויף צייטליכע באריכטן, צופרידנשטעלנדע פארשריט מיטן נאכקומען אויסגעוועהלטע גרענט ציהלן און אויף וויפיל געלט עס איז דא אין די קאסע.

פארשלאגן וועלן באקומען א צייכן, און די געלטער וועלן פארטיילט ווערן צו די אפליקאציעס מיט די העכסטע צייכענעס וועלכע קומען נאך די מינימום צייכן ביז די קאסע איז אויסגעליידיגט אדער ביז עס בלייבן שוין נישט קיינע אפליקאציעס וואס קענען באקומען געלט.

בארעכטיגטע פארשלאגן וועלן דערגרייכן די פאלגנדע ציהלן:

**פארבעסערן צוטריט צו גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס:** פארבעסערונג פון גייסטישע געזונטהייט איינגעשטעלטע און דאס באנוץ מיט מיטלען צו פארשטיין די באדערפענישן פון די שילער/ינס זענען בביידע שריט וואס זענען אויפגעוויזן צו פארבעסערן צוטריט צו די סטראטעגיעס און שטיצע וואס אדרעסירן די גייסטישע געזונט פון שילער/ינס.

**איינפירן אריינגעבויטע גייסטישע געזונטהייט שטיצע:** שטופן פאר וואוילזיין און שטאנדהאפטיגקייט אין די סקול'ס אטמאספערע איז קריטיש וויכטיג ביים שטיצן די גייסטישע געזונט פון שילער/ינס און פאמיליעס, באזונדערס נאכפאלגנדיג די גלאבאלע פאנדעמיע.

**פארשטערקערן שותפות'ן מיט עקזיסטירנדע שטיצע אין די גייסטישע געזונטהייט סיסטעם און אזוי אויך ברייטערע קינדער סערוויסעס סיסטעם:** פארבעסערן צוזאמענארבעט צווישן סקול איינגעשטעלטע און פראפעסיאנאלן אין די קאמיוניטי און טרעפן רעסארסן אינעווייניג און אינדרויסן פון סקול ערלויבט מחנכים צו פארשטיין די רייע סערוויסעס וועלכע זענען דא צו באקומען און צו זיכער מאכן אז שילער/ינס און זייערע פאמיליעס האבן צוטריט צו די פולע רייע שטיצע/סערוויסעס וואס זיי דארפן.

מער אינפארמאציע איבער די [רוף פאר פארשלאגן איז דא צו זעהן אויף די OMH וועבזייטל].

**ניו יארק סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונטהייט קאמישאנער דר. ען סאָליוואן האט געזאגט,** "דורכן פארברייטערן און פארבעסערן גייסטישע געזונטהייט רעסארסן אין אונזערע סקולס, האבן מיר געקענט אסאך פארברייטערן צוטריט צו סערוויסעס פאר קינדער און זייערע פאמיליעס. די OMH האט אינוועסטירט באדייטנדע רעסארסן פאר קינדער און יוגענטליכע וועמענס לעבנס זענען איבערגעדרייט געווארן דורך די קאוויד-19 פאנדעמיע, און וועלכע ליידן יעצט פון ענקזייעטי, דעפרעסיע און טראומע. די פינאנצירונג וואס איז היינט אנאנסירט געווארן דורך גאווערנער האקול וועט אונז העלפן פארבעסערן שילער/ינס צוטריט צו גייסטישע געזונטהייט רעסארסן און שטיצן אונזערע שילער/ינס און זייערע פאמיליעס."

**סטעיט סענאטארשע שעלי ב. מעיער האט געזאגט,** "אפילו בעפאר קאוויד-19 זענען די גייסטישע געזונטהייט זארגן פון שילער/ינס געווען צווישן די אנגעלעגנהייטן וועלכע זענען די מערסטע ארויפגעברענגט געווארן דורך סקול איינגעשטעלטע, עלטערן און אנדערע פארמישטע פארטייען ביי ראיאנישע זיצונגען וואס מיר האבן אפגעהאלטן אריבער די סטעיט. די פאנדעמיע האט נאר ערגער געמאכט די באדערפענישן. עס דערפריידט מיר אז געלטער וועלכע זענען צוגעטיילט געווארן פאר די וויכטיגע אונטערנעמונג וועלן יעצט ווערן פארטיילט פאר דיסטריקטס אריבער די סטעיט, העלפנדיג שילער/ינס צו אדרעסירן זייערע קריטישע גייסטישע געזונטהייט שוועריגקייטן."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov]
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | 518.474.8418 | [press.office@exec.ny.gov]

[זיך ארויסשרייבן]